# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

משפטים
תשפ"א לפ"ק
גליון קנ"ו

## פראגע

**פארוואס זאגט די גמרא "קשה אשה רעה** (יבמות, ס"ג, ע"ב) **כיום סגריר" — א שלעכטע ווייב איז ווי אן אומוטיגע רעגנדיגע טאג? איז דען נישט א רעגנדיגע טאג א גוטע זאך?**

## ענטפער:

לאמיך עס אייך ערקלערן. עס איז געווען א מענטש – רבי יהודה, וואס האט געהאט א צווייטע ווייב, און זי האט אלעמאל פרובירט ווידערצושפעניגן אין אים, און צו טון אנדערש ווי ער האט געזאגט. אלעמאל האט זי געטון פונקט פארקערט וואס ער האט געבעטן.

איינמאל האט רבי יהודה'ס זון אים געזאגט, "דו לויבסט כסדר אזוי שטארק אויס די תועלת פון א גוטע ווייב. איז דיין ווייב אויך אריינגערעכנט אין דעם לויב?" האט רבי יהודה געזאגט, "אודאי! ווייל מגדלות את בני – זי ערציט מיינע קינדער, און אויך מצילות אותנו מן החטא – זי היט מיך אפ פון זינד; זי איז מיין ווייב, און דערפאר דארף אלע גוטע זאכן געזאגט ווערן וועגן איר.

עס מיינט אזוי. אויב א מענטש האט דעם שכל **אויסצונוצן ריכטיג** א רעגנדיגן טאג – ער קוקט ארויף אויפ'ן גרויען הימל און ער זעט אז וואסער פאלט מן השמים, און ער איז פרייליך, דער מענטש ווייסט וויאזוי צו מאכן נוצן פון א רעגנדיגן טאג. די טראפן וואס פאלן פון די וואלקענעס זענען דיאמאנטן! על כל טיפה וטיפה – עס איז דא א נוסח אין די גמרא וואס מען זאגט "פאר יעדן טראפ דאנק איך דיר."

עס איז א נס. פון וואו קומט רעגן? עס קומען פונעם ים. אבער מיר קענען נישט טרונקען ים-וואסער. און דאך, עס ווערט אויסגערייניגט דורך די זון – עס גייט ארויף אין פארעם פון וואסער-פארע, און יעצט איז עס הערליכע קלארע וואסער, גענצליך זויבער צום טרונקען. מיר האבן צו עסן בלויז צוליב אט די רעגן וואס פאלט. אלזא, אויב פארשטייט מען וואספארא ברכה רעגן איז, שפירט מען די געוואלדיגע טובה פון א רעגנדיגע טאג. ס'איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו ווערן באאיינדרוקט פונעם יד השם.

אבער דאך, אסאך מענטשן זענען נישט פרייליך אין א רעגן-טאג. זיי קענען נישט ארויסגיין. זיי קענען נישט טון געוויסע זאכן; איז אין א געוויסן זין קען א רעגן-טאג צומאל זיין א חסרון. אויב מען נוצט עס נישט אויס אויפ'ן גוטן וועג איז עס סתם א פארכמארעטע טאג.

די זעלבע איז א רעגנדיגע ווייב א גרויסע ברכה, **אויב מען מאכט נוצן** פון איר. אודאי דארף מען איר שעצן. זי האט געטון אזויפיל גוטע זאכן פאר דיר. דער פאקט אז זי עפנט אפט איר מויל און קריטיקירט דיר, איז וואס? "לפום צערא אגרא" – ווי מער דו קענסט דיך קאנטראלירן, אלס מער שכר באקומסטו. **"תולה ארץ על בלימה"** – די וועלט שטייט אין זכות פון דעם מענטש וואס האלט זיין מויל צוגעמאכט בשעת א קריגעריי, **"שבולם פיו בשעת מריבה."**

ווי גרויס איז דער זכות פון א מענטש וואס האלט זיין מויל פארמאכט אין צייט פון א קריגעריי. עס איז זייער א גרויסער זכות צו האלטן דעם מויל פארמאכט. דו ביזט דער געווינער! דו האסט אויסטערליש פארדינט! אויב וואלסטו נישט געהאט אזא ווייב, וואלסטו נישט געהאט דעם זכות. יעדעס מאל זי שרייט אויף דיר און דו האלטסט זיך שטיל, תולה ארץ על בלימה! דיין זכות איז אויסטערליש!

אודאי איז דיין ווייב איז דיר מחזק אלעמאל, זי לויבט דיר און גיבט דיר כבוד, מסכים, ס'איז דא געוויסע בענעפיטן אין דעם אויך; איך זאג נישט אז נישט. אבער עס איז אויסדרוקליך דא בענעפיטן פון א שווערע ווייב אויב מען ווייסט וואס צו טון. און במילא איז עס א הערליכע משל, צוצוגלייכן א שווערע ווייב צו א רעגנדיגער טאג. (E-138#)

## פראגע

## באקומט א מענטש שכר פאר'ן ארבעטן?

## ענטפער:

איך וועל עס מסביר זיין אין צוויי שטאפלען.

1) דער איבערשטער גיבט שכר פאר די וועלכע **טוען** די ריכטיגע זאך, אפילו זיי טוען עס נישט לשם שמים. אויב איר ארבעט, דאס איז וואס איר דארפט טון! עס איז אזוי ווי עסן; דער איבערשטער באלוינט פאר'ן עסן, ווייל אויב עסט מען נישט קען מען נישט לעבן. אויב איר **עסט** ווערט איר באלוינט מיט **לעבן**, אפילו איר עסט נישט לשם שמים. 2) אויב איר עסט יא לשם שמים, באקומט איר **מער שכר**. זעצט אייך אראפ צו פרישטאג און זאגט "איך גיי יעצט עסן כדי צו האבן כח צו דינען מיין באשעפער." איז עס שווער צו טון? פרובירט עס מארגן צופרי. עס איז א גאנצער סימן אין שולחן ערוך אורח חיים. "איך גיי יעצט עסן כדי צו האבן כח צו דינען דעם באשעפער." אז מען זאגט דאס, איז דער שכר פיל גרעסער.

די זעלבע באקומט מען שכר פאר'ן ארבעטן. אויב איר גייט צו דער ארבעט ווי אן אנשטענדיגער מענטש – איר זאגט נישט "איך בין קראנק", "איך בין צו אנגעצויגן צו ארבעטן", "מיין ווייב זאל מיך אויסהאלטן..." מיט אזא סארט מענטש איז דער איבערשטער בכלל נישט צופרידן. הקב"ה גלייכט נישט קיין מענטשן וואס ארבעטן נישט. מען דארף גיין צו דער ארבעט; לאז דיין ווייב בלייבן אינדערהיים, עס איז דא היבש צו טון אינדערהיים. זי דארף באקן ברויט, זי דארף זיך אפגעבן מיט די קינדער; דו גיי ארבעטן!

א מענטש וואס ארבעט נישט ווערט קראנק – ער באקומט א נערוון-בראך, ער ווערט גייסטיש צעשטערט.

**גדולה מלאכה!** ווי גרויס איז צו ארבעטן! ארבעטן האלט דיר ביים לעבן – עס מאכט דיר געזונט, עס האלט דיר גייסטיש געזונט. עס איז א גרויסע טראגעדיע אז מענטשן ארבעטן נישט אזוי סך ווי מ'פלעגט אמאל צו ארבעטן. אמאליגע צייטן האט מען געארבעט **אגאנצן צייט**, חוץ שבת. ווען שבת איז געקומען זענען זיי געווען פארמאטערט, און זיי האבן געשעצט די מנוחה. אגאנצע וואך האבן זיי נישט געהאט קיין צייט צו ליידיג-גיין! זיי האבן געארבעט פון דער פרימארגן ביז שפעט ביינאכט. ס'איז א ברכה! ארבעטן איז א ברכה!

**"גדולה מלאכה!"** - ווי גרויס איז ארבעטן. ארבעטן איז גרויס אין אסאך וועגן. **"שמכבדת את בעליה"** – עס ברענגט רעספעקט (נדרים, מ"ט ע"ב). מען דארף נישט גיין שנארן, מען האט די אייגענע הכנסה. **"שמחממת את בעליה"** (גיטין ס"ז ע"ב) – דאס איז אן אנדערע מאמר – עס ווארעמט אן, מען באקומט איבונגען פונעם ארבעטן, עס האלט דעם מענטש געזונט. עס זענען דא נאך בענעפיטן פון ארבעטן. אודאי דארף מען ארבעטן! אפילו מען ארבעט נישט לשם שמים, וועט איר נאך אלץ באקומען שכר. עס איז קיין שום שאלה נישט.

אבער ווען א מענטש ארבעט **לשם שמים**, ער נוצט אויך זיין מח; נאך אלעם האט ער מקבל קנין געווען אויף די כתובה ווען ער האט חתונה געהאט, און ער האט זיך מחייב געווען איר אויסצוהאלטן, און ער האט קינדער אויסצוהאלטן, ער ציט אויף עובדי ה', פרומע אינגלעך און מיידלעך, ער דארף זיי שפייזן, ער דארף גיין בדרכי השם, נותן לחם לכל בשר, דער איבערשטער פיטערט אלע לעבעדיגע. ער וויל אויך פיטערן זיינע קינדער אלס א שליח פון השי"ת, און ער טוט עס לשם שמים – אזא מענטש ווען ער ארבעט באקומען נאך מער שכר.

אלזא, אין צוויי זאצן - באקומט ער שכר פאר'ן ארבעטן? אויסדרוקליך. אבער אודאי אויב מען ארבעט לשם שמים, באקומט מען אסאך א גרעסערע שכר.

אבער אין יעדן פאל, ארבעט סיי-וויאזוי. מען דארף ארבעטן!

## פראגע

## פון וואו קען איך נעמען די שטארקייט אויסצוהערן דעם רב ווען ער זאגט עפעס וואס קוקט אויס צו מיר אומריכטיג?

## ענטפער:

אויב איר האט א גוטן רב, מיינט עס אז איר זעגט דער אומגערעכטער. נישט ער. יעצט אסאך מאל קען זיין אז איר האט אויסגעוועלט אן אומריכטיגער רב. עס קען זיין. מען דארף אויסוועלן א גוטער רב. אבער אויב איר זענט פארזיכטיג אויסצואוועלן א גוטן רב – א בן תורה, א פרומער איד – און איר גלייכט נישט וואס ער האט געזאגט, דאן ליגט דער שולד רוב זיכער אין אייך. רוב זיכער.

(E-183#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעטצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק











צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב